Інстытут Беларускае Культуры — Яўрэйскі Аддзел.
אינסטיטוט פֿאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור — יידישע אָפּטיילונג.

י. גאָלדבערג.

# די יידישע מיש-שפּראַכיקע און פּרעמדשפּראַכיקע פֿאָלקלידער.

## I
## פֿאָלקסטימלעכע מאַקאַראָניק.

אַן אויסטערלישע דערשײַנונג אינם יידישן פֿאָלקלאָר זײַנען די מיש-שפּראַכיקע און פּרעמדשפּראַכיקע פֿאָלקלידער. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס שוין אין דעם אַרײַנפיר צו דער ערשטער זאַמלונג פֿון יידישע פֿאָלקלידער (גינצבורג און מאַרעק, ספּב., 1901) ווערט אַף דידאָזיקע לידער אָנגעווענדעט אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקײַט. אָט וואָס עס ווערט דאָרטן געזאָגט וועגן זיי: „פֿאַראַן אַ גאַנצע ריי פֿאָלקלידער, וועלכע זײַנען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זייער שפּראַך איז אַ מין דויר-האַפּלאָגע: זשאַרגאָנישע, העברעישע, רוסישע, פּוילישע און אַפילע ליטווישע ווערטער לעבן זיך איין זײַט באַ זײַט. עס טרעפֿט, אַז אין דעמזעלביקן ליד ווערט יעדער פֿערז געזונגען אַף אַן אַנדער שפּראַך:

מי פיאָם אי הוליאַיעם,
ואתה מלך חי וקים.

אין אַ צווייטן ליד בעט דער ייד אַווראָאָמען, ייצכאָקן, יאַקעוון און די איבעריקע ביבלישע צאַדיקים, אַז זיי זאָלן זײַן גוטע בעטער פֿאַר גאָט,

טשטאָבי אָן נאַס וויזוואָליל,
טשטאָבי אָן נאַס וויוואָדיל
ווּהין? — לארצנו נאַשו.

„עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די רוסישע שפּראַך פֿאַרנעמט אין **דעם** מין לידער דעם גרעסטן אָרט. דערדאָזיקער פֿאַקט און אויך אייניקע רעמאָזים אין עלטערע מעקוירים, האָבן געגעבן אייניקע געלערנטע דעם גרונט צו **דער** האַשאָרע, אַז די ליטווישע יידן האָבן אַמאָל גערעט רוסיש, ניט דעם הײַנטיקן זשאַרגאָן. (דאָזאָגן די אַווטאָרן עטלעכע ווערטער וועגן דער באַקאַנטער אַ. האַרקאַוויס היפּאָטעזע). **דאָס**, וואָס איז געשען מיט 300 יאָר צוריק האָט זיך איבערגעכאַזערט אין 19-טן יאַרהונדערט. קימאַט פֿאַר אונדזערע אויגן איז דער יידישער זשאַרגאָן אין אייניקע ערטער אונטערגעפֿאַלן אונטער אַזאַ שטאַרקער רוסישער ווירקונג, אַז ער מעג ריכטיקער הייסן רוסיש-דײַטשישער איידער דײַטשישער זשאַרגאָן. אַ קלאַסישער בײַשפּיל פֿון דערדאָזיקער רוסיפֿיקאַציע איז דער לאָשן פֿון די אַזויגערופֿענע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן,

וואָס וואָינען אויסער דעם טכום. זײַענדיק פֿון לאַנג אָן אָפּגעריסן פֿון זייערע עמונע-גענאָסן, פֿאַרוואָרפֿן אין דערפֿרעמד,—האָבן זיי אַליין און אויך זייערע קינדער איבערגענומען באַ דער אַרומיקער רוסישער באַפֿעלקערונג פֿיל מינהאָגים און נאָך מער—ווערטער. און ניט אַליין די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן האָבן איבערגענומען דעם רוסיפֿיצירטן דיאַלעקט; אַזוי ריידן לעסאַטע אויך די איבעריקע יידן, וואָס זײַנען געבאָרן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין די עכט-רוסישע גובערניעס.

„וואָס באַלאַנגט די אָנגעמערקטע גרופּע אייגנאַרטיקע לידער, דאַרפֿן מיר זוכן זייער מאָקער איבערהויפּט צווישן יענע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס צוליב די אָדער יענע אורזאַכן פֿלעגן זיי האָבן נאָענטע באַציונגען מיט **דער** קריסטלעכער באַפֿעלקערונג און אָפֿט באַנוצן זיך מיט איר שפּראַך. אַקיצער, דידאָזיקע פֿאַרשיידנשפּראַכיקע לידער פֿלעגן שטענדיק אויסוואַקסן אין קאַנטן מיט אַ שיטערער יידישער באַפֿעלקערונג, און אין 19-טן יאָרהונדערט האָבן אין אַזאַ מין שאַפֿונג ניט קיין קלײנעם כיילעק געהאַט ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. (קורסיוו אונדזערע... אַרײַנפיר ז. 22—23)".

מיט דעמדאָזיקן אויספיר איז מאַסקים ש. דובנאָוו, ער באַטאָנט פֿון זײַן זײַט די ראָל פֿון ייִשוווניקעס אין דער באַשאַפֿונג פֿון די לידער. „לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז נאָך דא ניט לאַנג, אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19-טן יאָרהונדערט, פֿלעגן די יידן, צעוואָרפֿענע איבער רוסישע דערפֿער (ייִשוווניקעס, דאָרף-יידן), ריידן און זינגען זייערע לידער אַף אַ מעשונעדיקן לאָשן, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מישונג פֿון רוסישע און יידישע ווערטער, און גייט אָפֿט איבער אין ריין רוסיש". (Разговорный язык и т. д., Евр. Старина № 1).

הייסט דאָס, די געבראַכטע מיינונג וועגן די מיש-שפּראַכיקע לידער קען פֿאָרמולירט ווערן אַף אַזאַ אויפֿן:

1) דאָס זײַנען אַמעראַצישע לידער, אויסגעוואַקסן אין אַ סוויווע, וואָס איז דערווײַטערט געוואָרן פֿון יידן, יידישקײַט און דער יידישער שפּראַך.

2) די שפּראַך פֿון די לידער איז אין איר אויפֿן אַ נאַטירלעכע, ד. ה., עס איז **די** שפּראַך, אַף וועלכער די באַשאַ-

פער און ערשטע זינגער פֿון די לידער האָבן טאַקע גערעט אין לעבן.

ש. אַנ—סקי אין זײַנע מאַמאָרים װעג ן ייִדישן פֿאָלקליד (Евр. Стар., т. II; „דער טאָג“, ניו-יאָרק, 1920; ביידע איבערגעדרוקט אין 15-טן ב. פֿון אַנ—סקיס װערק) װײַזט אָן, אַז „כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, װאָס די פֿרעמדע שפּראַך װערט באַנוצט צום אױסדריקן אַקוראַט טיף-רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע שטימונגען!“ דערבײַ באַטאָנט ש. אַנ—סקי איבערװיפּט דעם מיסטיש-מוסער-האַסקלדיקן כאַראַקטער פֿון אײניקע מיש-שפּראַכיקע לידער.

אַ װײַטערדיקן טראָט אין באַצוג צו די לידער מאַכט נ. פּריִלוצקי אין דער פֿאָררעדע צו זײַן זאַמלונג „ייִדישע פֿאָלקסלידער“ (װאַרשע, 1914). אָט װאָס ער שרײַבט װעגן זיי:

„אום סימכעסטאָירע זינגט מען דאָס מערסטנטײלס. דערבײַ װערט געטאַנצט. און װי געטאַנצט! מיט די הענט און מיט די פֿיס. דער קאָפּ, די אױגן, די ליפּן, איטלעכער מוסקל באַװעגט זיך, איטלעכעס אָדערל צאַפּלט צום טאַקט, אײַנזאַפּנדיק דעם הײליקן אינהאַלט פֿון די װערטער, באַשאַפֿנדיק אין גאַנצן אָרגאַניזם די זעליקע שטימונג, װאָס באַהעפֿט דעם מענטשן מיט דער גאָטהײַט. װען די אַנטציקונג, דאָס דװײקעס שטײַגן גאָר, זײַנען די גרעניצן פֿון אײן שפּראַך אױך שױן צו שמאָל. **דאָסראָװו מאַקאַראָנישע, ד. ה., עטלעכשפּראַכיקע פֿאָלקסלידער געהערן דעריבער צו די רעליגיעזע און יאָנטעװדיקע** (אונדזער קורסיװ).

שײנע רױזן שמעקן װינדער,  
דאָס מײנט מען יאַנקעװס קינדער:  
זיי זײַנען געשטאַנען, זיי האָבן געזען,  
װי אונז איז ניסים געשען.

אַזױ זינגט זיך דער ייִד צו דער פּורים-סודע, און טאַקע באַלד כאַזערט איבער דאָסזעלביקע אַף פּױליש:

פּיענקני רױזשאַ—יאַקובאַ דזשעצי:  
איך זאַפּאַך דאַלעקאַ לעצי,—  
װסיסטקי סטאַלי—אי פּאַטשעלי,  
יאַק האַמאַנאַ פּאָװיאַשילי, —

אין דער אױסטערלישער איבערזעצונג קלינגט עס פֿאַרן צװואַרמטן זינגער גאָר װי עפּעס פֿרישעס, האָט פֿאַר אים אַ שפּאָגל נײַעם טאַם. אײניקע אַזעלכע פֿאַרשײדנשפּראַכיקע לידער זײַנען דורכגעדרונגען מיט דער העכסטער, מיט דער אײדלסטער פּאָעזיע. איך קען זיך גאָרנישט אופֿהערן צו קװיקן, לעמאָשל, מיט דער פֿאָלגנדיקער אָדע, װעלכע איך ברענג אין רײן-ייִדישן נוסעך:

בין איך מיר געגאַנגען אין טיפֿן װאַלד,  
אין טיפֿן װאַלד, —  
האָב איך געהערט אַ פֿײגעלע אין װאַלד,  
אַ פֿײגעלע אין װאַלד,  
דאָס פֿײגעלע האָט געזונגען ראָ-ראָ-ראָ  
ראָ-ראָ-ראָ:

אדיר איום ונורא!

דאָס איז, דאַכט זיך, די שענסטע פּערל אין רײַכן שנירל פֿון אונדזערע פֿאָלקסלידער“.

מיט פֿאַנאַנדערגעבלאָזענער מעליצע איז דאָ באַ נ. פּריִלוצקין פֿאַרשלאָגן געװאָרן דאָס קערנדל פֿון אַ װיכטיקן געדאַנק, װאָס, אױב מע זאָל אים באַװײַזן און אַנטװיקלען, דאַרף זיך באַקומען אַזאַ אױספֿיר װעגן דעם גענעזיס פֿון די מיש-שפּראַכיקע לידער, װאָס זאָל זײַן דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעך דער האַשאָרע פֿון גינזבורג-מאַרעק און ש. דובנאָװ.

סאַי די גינזבורג-מאַרעק-דובנאָװישע דערקלערונג פֿון אונדזערע לידער, סאַי פּריִלוצקיס נעמען אַבסאָליוט ניט אין אַכט דעם קאָמיזם, די װיציקײַט, מיט װעלכע עס שפּריצן אַזױ אָפֿט דידאָזיקע לידער. לױט פּריִלוצקין קומט אױס, אַז זיי אַנטשטײען עפּעס אין אַ צושטאַנד פֿון מיסטישן „טראַנס“ (אַ מין רוסישע "ראַדעניע"), װען עס איז עפּשער מעגלעך „גלאָסאָלאַליע“ (רײדן מיט מעשונעדיקע, האַלב-אומזיניקע װערטער), אָבער פֿאַר קײן פֿאַל ניט קײן קאָמיזם און װיציקײַט. אין װיץ איז דאָך שטענדיק פֿאַראַן אַ געװיסע אָפּגעקילטקײט, ראַציאָנאַליזירנדיקער קוק און אָפּשאַצונג פֿון דער זײַט. דאָס אַלץ שטימט ניט מיט מיסטישן טראַנס.

מיר, פֿון אונדזער זײַט, לאָמיר רײשיס פֿאַרנעמען זיך מיט דער קלאַסיפֿיקאַציע און צוטײלונג פֿון די לידער לױט זײער אינהאַלט. אונטער דעם טערמין „רעליגיעז-נאַציאָנאַלע“ װעלן מיר פֿאַרשטײן אַזעלכע לידער (סאַי ערנסטע, סאַי פֿאַראָדיש-קאָמישע), װאָס האָבן אַ שײַכעס צו טפֿילע, מוסער, צו העלדן פֿון טאַנאַך, צו ייִדישע מינהאָגים, מאַכאָלים, ייִדישן שטײגער א. ד. ג. באַם דורכקוקן די פֿאַרשײדענע לידער-זאַמלונגען באַקומט זיך אָט װאָס:

באַ גינצבורג-מאַרעקן—פֿון 14 מיש-שפּראַכיקע לידער, האָבן מיר: 11 רעל.-נאַצ. לידער (נומ. 6, 15, 16, 17, 19, 41, 351, 352, 371, 372, 374). 2 אָפּלאַך-לידער (נומ. 118, 353). 1 ליבע-ליד מיט אײן אַרײַנגעשטעלטער רוסישער סטראָפֿע צװישן 5 ייִדישע (נומ. 216).

באַ נ. פּריִלוצקין („ייִדישע פֿאָלקסלידער“ טײל 1 און 2) זײַנען פֿאַראַן 16 מיש-שפּראַכיקע לידער, אַלע רעליגיעז-נאַציאָנאַלע (נומ. 5, 6, 34, 37, 38, 39, 40, 53, 54, 65, 66, 67, 71, 72, 95, 96).

טאָמער ברענגט אין דער פֿאָררעדע נ. פּריִלוצקי אַ סלאָװאַקיש-העברעיש-ייִדיש ליד (אין געװײנלעכן לעבן רײדן די סלאָװאַקישע ייִדן ייִדיש), איז דאָס ליד, לױטן אינהאַלט, אױך נאַציאָנאַל, זינגט װעגן די אָװעס און אימאָעס,—אַזױ, אַז דאַס ליד קען צוגערעכנט װערן צו די פֿריערדיקע, אַלס דאָס 17-טע ליד פֿון דער זאַמלונג.

באַ י. ל. קאַהאַנען („ייִדישע פֿאָלקסלידער“, 2 בענדער), האָבן מיר: 2 ליבע-לידער (I באַנד, I אָפּטײלונג, נומ. 6, 9). 2 רעל.-נאַצ. לידער (II באַנד, ז. 215 און ז. 235). 2 קינדער-לידער (באַנד II, ז. 117, נומ. 17; ז. 149, נומ. 73).

באַ ש. באָסטאָמסקין („בײַם קװאַל“, ייִדישע פֿאָלקסלידער), געפֿינען מיר: 6 רעל.-נאַצ. לידער (ז. 95, נומ. 7; ז. 96, נ. 11; ז. 104, נומ. 1; ז. 105, נומ. 5; ז. 105, נ. 6. ז. 105, נ. 7; 1 פֿאַראָדירטע ליבע-ליד (ז. 50, נ. 8), װאָס פּאַראַלעל װערט געגעבן דער ניט-פֿאַראָדירטער רײן-ייִדישער אָריגינאַל. 3 קינדער-לידער (ז. 30, נ. 19 און 20; ז. 104, נומ. 4). 3 אָפּלאַך-לידער (ז. 104, נומ. 3; ז. 104, נ. 2. זײַט 134, נ. 2: די לעצטע צװײ לידער לאַכן אָפּ פֿון גראָבע יונגן, װאָס קענען ניט רײדן סאַי ייִדיש, סאַי גאָיִש).

אױסער דעם זײַנען באַ ש. באָסטאָמסקין פֿאַראַן 3 לידער (ז. 64, נומ. 21; ז. 88, נומ. 1; ז. 134, נומ. 2), אין װעלכע עס באַגעגענען זיך ניט-ייִדישע פֿראַזן, װײַל עס שטעלט זיך פֿאָר, װי גאָיִם רײדן, אָבער ביקלאַל זײַנען די לידער רײן-ייִדישע, ניט קײן מיש-שפּראַכיקע.

אין ש. לעמאַנס „אַרבעט און פֿרײַהײַט“ (לידער פֿון דער צײַט פֿון דער פֿרײַהײַט-באַװעגונג) זײַנען קײן מיש-שפּראַכיקע לידער ניטאָ. עס געפֿינען זיך אין עטלעכע לידער (נומ. 11a, 26, 49) אײניקע ניט ייִדישע פֿראַזן, װאָס מאַכן ניט דאָס ליד פֿאַר מיש-שפּראַכיק, לעמאָשל, אַזעלכע „טעכנישע אױסדרוקן“ װי „הײ, הײ! דאלאָי פּאָליציי!“.

אין מ. קיפּניסעס זאַמלונגען („60 פֿאָלקסלידער“, „80 פֿאָלקס-לידער“, װאַרשע) געפֿינען מיר זײַט באַ זײַט מיט געמאַכטע און נאָכגעמאַכטע אױך עכטע פֿאָלקלידער, צװישן זיי גרופּירט אין באַזונדערע אָפּטײלונגען „יודיש-אוקראַיִנישע פֿאָלקס-לידער“ און

„יִדיש און גויש“. צווישן דידאָזיִקע מיִש-שפּראַכיִקע פֿאָלקלידער געפֿינען מיִר 2 קאָמיִשע לידער און 19 רעליִגיעז-נאַציאָנאַלע.

בעסאַכאַקל באַקומט זיִך איִן די אַלע לידער-זאַמלונגען: 55 רעליִגיעז-נאַציאָנאַלע מיִש-שפּראַכיִקע און פֿרעמד-שפּראַכיִקע לידער, 9 אָפּלאַך-לידער, 4 ליבע-לידער, צווישן זיי איין ליד אַ פּאַראָדיִשעס, 5 קינדער-לידער.

דער רעזולטאַט באַווייזט, אַז די באַהויפּטונג, „דאָסראָוו עטלעכשפּראַכיִקע לידער געהערן צו די רעליִגיעז-יאָנטעוודיִקע“ דאַרף פֿאַרשטאַרקט ווערן און קען פֿאָרמוליִרט ווערן אַף אַזאַ אויפֿן: בלויז איִן באַצוג צו רעליִגיעז-נאַציאָנאַלע לידער קען מען ריידן וועגן מיִשספּראַכיִקייט אַלס וועגן, אַזוי צו זאָגן, אַ מאַסן-דערשייַנונג און וועגן מיִש-שפּראַכיִקע לידער אַלס אַ ספּעציִעלן זשאַנר. איִן אַנדערע אַרטן לידער באַגעגנט זיִך די דערשייַנונג גאַנץ זעלטן און פֿאַריינצלט.

איִן די פֿאָריִקע צאָלן זייַנען באַזונדער גערעכנט געוואָרן די וואַריאַנטן (ווי דאָס איִז אָנגענומען איִן דער רוסיִשער פֿאָלקלאָריסטיִק, לעמאָשל, באַ ריִבניִקאָוון, היִלפֿערדיִנגען), ווייַל די וואַריאיִרונג באַווייַזט, אַף וויִפֿל דער אָדער יענער מיִן לידער איִז לעבעדיִק,—ניִט נאָר עס זיִנגט זיִך, נאָר אויך עס שאַפֿט זיִך נאָך. ווען אַ ליד ווערט געזונגען איִן עפּעס אַן אָרט, באַווייַזט נאָך ניִט דער פֿאַקט, אַז גראָד איִן דעמזעלביִקן אָרט איִז עס באַשאַפֿן געוואָרן, אָבער אַלנפֿאַלס, אויב אַ ליד ווערט ערגעץ ווו סאַי געזונגען, סאַי וואַריאיִרט, באַווייַזט עס, אַז דאָס ליד איִז אַזוי צו זאָגן, קאָנגעניאַל דעם אָרט און האָט געקענט דאָ באַשאַפֿן ווערן. אָט פֿאַר וואָס עס איִז ניִט איִבעריִק אויסצורעכענען די ערטער, ווו די מיִש-שפּראַכיִקע לידער זייַנען פֿאַרשריִבן געוואָרן. עס זייַנען:

קאָווגער גוב., וויִלנע, מיִנסק, פּאָדאָליע, אָדעס, מיִנסקער גוב., וויִטעבסקער גוב., סאָכאַטשאָוו, פּולטוסק, גאַליִציע, וואַרשע, קרעמענעץ, בעלאָצערקאָוו, מיִזרעך-גאַליִציע, קאָצק, סעדלעץ, ליאַדי... דאָס זייַנען אַלץ ערטער פֿון געדיִכטעסטער יִדיִשער באַפֿעלקערונג.

ווייַטער שאָלעמאַלייכעמס „אָרעמע און פֿריילעכע“ (זע „הוליאַקעס“), די קינדער פֿון „לאַגבוימער“, די געסט „באַם קעניִג אַכאַשווייִרעש“,—זיי אַלע האָבן באַזונדערס ליב „רוסקאַוואָ פּעסניאַ“, ד. ה. אונדזערע מיִש-שפּראַכיִקע לידער און זיִנגען זיי אָפֿטער איידער וועלכע עס איִז אַנדערע. שאָלעמאַלייכעמס העלדן—דאָס איִז דאָך די עכטעסטע און געדיִכטעסטע יִדיִשע מאַסע.

עס לויִנט דאָ אַנטקעגנצושטעלן דעם פֿאַקט, וואָס עס איִז גראָד ניִטאָ קיין איין מיִש-שפּראַכיִק ליד צווישן די סאָלדאַטיִשע, איִן וועלכע עס ווערט באַקלאָגט סאַי די עלטערע, ניִקאָלאַיעווער, סאַי די נייַערע „סאָלדאַטשינע“ (גיִנצב.-מאַר., נום. 331—348; קאַהאַן, ב. II, אָפּט. VI, נום. 1—16; באָסטאָמסקי, ז. 82—86).

לאָמיִר נעענטער צוקומען צום אַנאַליִז פֿון איינִיקע רעליִגיעז-נאַציאָנאַלע מיִש-שפּראַכיִקע לידער (וועגן די איִבעריִקע אַזעלכע לידער וועט גערעט ווערן איִן לעצטן קאַפּיִטל). אָט האָבן מיִר דעם נום. 17 באַ גיִנצ.-מאַר., אַ ליד, וואָס איִז זייער באַליבט און פֿאַרשפּרייט.

אַך טי רבונו של עולם,
זאַטשעם טי ניע סמאָטריִש,
זאַטשעם טי ניע וויִדיִש
מר גלותנו, מר גלותנו!
מר גלותנו פּערעבודעם
לארצנו פֿאָרט פּאַידיאָם!
פּאַידיאָם לארצנו
ושם נאַידיאָם בוראנו
ושם נאַידיאָם גואלנו!
סיִנקו, סיִנקו, ניע ביעדוי,
סוואָיע סערדצע ניע זאַפּסוי,
בענדזע מאַטקאַ וויִקופּלאַנאַ,
בענדזע כאַטקאַ וויִבודאָוואַנאַ,
באָנדזי מאָנדרי, פּאַטשאַי קאָנצאַ.

דאָס איִז די ערשטע סטראָפֿע פֿון זיִבן. ווייַטער כאַזערן זיִך איִבער איִן יעדער סטראָפֿע דיזעלביִקע ווערטער, אויסער וואָס נאָך דעם פֿערז „פּאַידיאָם לארצנו“ ציִט זיִך דער אַלעפֿבייז ווייַטער, לעמאָשל, איִן דער צווייטער סטראָפֿע:

פּאַידיאָם לארצנו
ושם נאַידיאָם דודנו
ושם נאַידיאָם הדרתנו,
ושם נאַידיאָם ועודנו א. אַ. וו.

די ווערטער פֿאַרן אַלעפֿבייז זייַנען גענומען געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע ערטער פֿון פּאַיעט, גראָד דאָס, וואָס עס פּאַסט פֿאַרן ליד (לעמאָשל, פֿון דעם איִבערגעקערטן אַלעפֿבייז, דעם תשר״ק פֿון די יאַילעס איִז גענומען געוואָרן הדרתנו, ועודנו, טהרנו, צדקתנו). פֿאַר אַזאַ אַרבעט איִז געווען נויטיִק ניִט קיין קליינע בקיִעס איִן פּאַיעט, וואָס ניִט יעדער דאַוונער איִז זויכע דערצו, און ביִקלאַל, ווי איִך האָב שוין איין מאָל אנגעוויִזן („באַמערקונגען וועגן פּאָעטיִשן שטייגער פֿון יִדיִשן פֿאָלקליד“, „צייַטשריִפֿט“, ב. I), איִז דער אַלעפֿבייז-סיידער שטענדיִק אַ באַווייַז, אַז אַ ליד קומט אַרויס פֿון דעם לאָמדיִשן שטאַנד. זייער איִנטערעסאַנט איִז די שפּראַך פֿון דעם ליד. די ערשטע העלפֿט פֿון אַ סטראָפֿע („אַך טי רבונו של עולם זאַטשעם טי ניע סמאָטריִש א. אַ. וו.) איִז גרויס-רוסיִש, די צווייטע (סיִנקו, סיִנקו, ניע ביעדוי, סוואַיע סערדצע ניע זאַפּסוי) איִז פּויליִש. וויִפֿל בעקיִוונדיִקער שפּראַך-שפּיִל עס ליִגט, לעמאָשל, איִן אַזאַ שורע:

לארצנו פֿאָרט פּאַידיאָם!

איין וואָרט—העברעיִש, דאָס צווייטע—יִדיש, דאָס דריִטע—רוסיִש. קלאָר, אַז מיִר האָבן דאָ צו טאָן מיִט אַ לאָמדיִשן ליד, וואָס צוליִב אַ געוויסן עפֿעקט ווערט דאָ געשפּיִלט מיִט שפּראַך-מיִשונג.

לאָמיִר נעמען אַן אַנדער ליד, גאָר אַ פּריִמיִטיִוו ליד (גיִנצבורג-מאַר. נום. 16)

אברהם, אברהם, באַטקאַ נאַש,
טשעם ניע כאָדיִש, טשעם ניע מאָליִש באָגאַ
זאַ נאַס,
ליִבא נאַס וויִפּראָסיִטי, ליִבא נאַס וויִזוואָליִטי,
ליִבא נאַס וויִקופּיִטי,
לארצנו נאַשו, לארצנו נאַשו!
יצחק, יצחק, מאליִטיעל נאַש, טשעם ניע
כאָדיִש א. אַ. וו.
יעקב, יעקב, פּאַסטוך נאַש א. אַ. וו.
רחל, רחל, מאַטי נאַשאַ א. אַ. וו.

איִן דעמדאָזיִקן ליד איִז ניִטאָ קיין לאָמדעס און אויך ניִט קיין שפּראַך-כאַריִפֿעס, אָבער עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז פֿון דער אַנדער זייַט איִז דאָ ניִטאָ אויך קיין אַמעראַצעס. די כאַראַקטעריִסטיִק פֿון די ביִבליִשע פּערזענלעכקייַטן (זע נאָך דעם וואַריאַנט נום. 15) איִז געגעבן ריִכטיִק. און ביִקלאַל באַם דורכקוקן די מיִש-שפּראַכיִקע לידער באַמערקן מיִר צייַטנווייַז לאָמדעס, אָבער ערגעץ ניִט אַמעראַצעס. און עס איִז דאָך באַקאַנט, אַז אויב אַ געוויִסער עלעמענט פֿון יִדיִשן פֿאָלק האָט זיִך אַזוי דערווייַטערט פֿון יִדיִשקייַט,

דאָס שטערט ניט, אַז די ביידע דערשיינונגען זאָלן זיך געפינען אין נאָענטער קרוווישאַפט [1].

אַרום באָריסאָוו (לעבן מינסק) איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון יידן אַזאַ מין ליד:

יעכאַל סטאַנאָוואָי-פריסטאַוו
דאַ נאַ טשוזשוי ביעדו
אַסטופילסיאַ, פראָוואַלילסיאַ
עך, נאַ טאָנקאָם לידו...
הא-הא!
יעכאַל סאָטסקי ס ראָסילנימי
אי יעשטשאָ ריבאַקי...
אישטשוט שנורי, שנורי, שנורי
אי יעסטשאָ נעוואָדי...
הא-הא!
אידיאָט יאַנקעל ס באָגאָמאָליעם [2]
פייסאַמי טריאַסיאָט...
„אַ סקאַזיטע, דאָברי ליודזע,
צטאָ או וואַס זא קלאַפּאָט?
הא-הא!
— נאַש פריסטאַוו אוטאָפּילסיאַ
האָספאָדי ספּאַסי!
פּאָמאָגי זשע נאַם, זשידאָטשעק,
פריסטאַוואַ נאַיטי.
הא-הא!
„אַ זאַצעם-זע, דאָברי ליודזע,
שנורי אי נעוואָדי?
ווי קאַרבאָווניצו פריסטאַווו פּאָקאַזיטע
סאַם וויסקאָציט ז וואָדי!
הא-הא!
פּאַשוקאַלי פּאָ קאַרמאַנאַם
אי נאָשלי זלאָט פּיאַט,
טשטאָ זאַ דיוויצאַ! פריסטאַוסקי גלאַזקי
איז וואַדי גליאַדיאַט...
הא-הא!
פּאַשוקאַלי פּאָ קאַרמאַנאַם
אי נאַשלי זלאָטי טרי...
טשטאָ זאַ דיוויצאַ! פריסטאַוו סאַם
וודרוך וויסקאָטשיט ז וואָדי
הא-הא!

דאָס ליד ווערט זעלטן געזונגען אויך פון ניט-יידן. מיר איז אויסגעקומען צו הערן אַ צווייטן וואַריאַנט. פאַר ביידע וואַ-ריאַנטן איז כאַראַקטעריסטיש די צונויפמישונג קימאַט העלפט אַף העלפט פון גרויסרוסיש מיט ווייסרוסיש, וואָס דאָס באַווייזט, אַז עס איז ניט קיין דאָרפיש ליד, נאָר אַ שטאָטיק-שטעטלדיקס, און מע קען זאָגן קימאַט מיט זיכערקייט, אַז עס איז אַ יידישע פראָדוקציע (ראָוו מיניען פון אַ ווייסרוסישן שטעטל איז דאָך ביקלאַל יידן). דער מאָטיוו פון ליד איז אַן איראָניש-פריילעכער, טאַנצנדיק-פייפנדיקער (הא-האַ!), און מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן פלעגן די יידישע זינגער באַטאָנען די שלעכטע אויסשפּראַך פון דעם יאַנקל (אַ זאַצעם זע...), און דער מיין פון ליד איז געווען אַ מין נאַציאָ-נאַלע אויספיינעניש: „אָט זעט, פון אונדזער אויסשפּראַך און פון אונדזער „באָגאָמאָליע״ (טפילן) לאַכט איר, אָבער סייכל זוכט באַ אונדז״.

[1] עס זיינען פאַראַן יעדיעס, אַז מיט אַזעלכע האָמאָן-לידער פלעגן אַגעוו יידישע פורים-שפּילער פאַרגיין אויך צו פּוילישע פּריצים.

[2] טפילן

אָט איז נאָך אַ ליד, פאַרשריבן אין מינסק:

וועטשער נאַסטאַיאָט,
שליאָמאַ וו שקאָלו אידיאָט.
אָך-וויי, שאַבעס-גוט
אָך וויי, שאַבעס-גוט.
יאַ וו פאַנטאָפליאַך טיאַפ-ליאַפ,
יאַ וו פאַנטאָפליאַך טיאַפ-ליאַפ,
אָך-וויי א. א. וו.
פּאַסרעדי דוואָראַ
טאַם סאָרו גאַראַ, אָך-וויי א. א.
וועטשער איזש פּרישאָל,
שליאָמאַ איז שקאָלי פּאַשאָל, אָך וויי א. א. וו.
זאַ סטאָלאָם סידיאַט
וואָסיעם זעדיעניאַט. אָך-וויי א...
כאַים, יאַנקל, מערקל, שמערקל,
בראָכקע, איטקע, כייקע, סערקל, אָך-וויי א. א.
יאַ קידעש דיעלאַיו
אי ריבו קושאַיו. אָך-וויי...

דערנאָך גייט אַ רשימע פון די איבעריקע שאַבעסדיקע מאַיכאָלים... האַגאַם דאָס ליד איז מיר אויסגעקומען צו הערן אויך פון אַ שיקערן סעמינאַריסט, אָבער עס איז קלאָר ניט בלויז דער יידישער, נאָר אַפילע דער יידיש-מאַסקילישער אַרויסקום פון ליד (דאָס קלאַסישע בערגל מיסט אינמיטן שולהויף!). אַגעוו ווערט אין ליד אויסגעלאַכט, ווי אַ גאָי, ניט קענענדיק קיין יידיש, זאָגט „שאַבעס-גוט״ אָנשטאָט „גוט-שאַבעס״ (זע מערימאַן „Рассказ старого солдата“ אין Евр. Ст. ב. V ז. 406).

אַזעלכע מינע, קימאַט, פרעמדשפּראַכיקע לידער וועגן דעם, ווי אַ ייד פירט זיך און עסט ניט שלעכט און טרינקט אויך אויס, איז פאַראַן אַ היפש ביסל (און אָפט מיט אַזאַ מין רעפרען: „סלאַוו-נאַיאַ וויעראַ יעווריסקאַיאַ!), לעמאָשל גינצ.-מאַר נ. 41; פּריל. נ. 53, 54; באָסטאָמסקי ז. 104 נ. 1... אין דידאָזיקע לידער אַמוזירן אַזעלכע מאַקאַראָניזמען, ווי לעמאָשל,

נעגל-וואַסער אומיוואַי,
טאַלעס-טפילן נאַקלאַדאַי!

און אין דערזעלביקער צייט איז אין זיי פאַראַן אַ מין נאַציאָנאַלער קוראַזש: נישקאָשע, מע לעבט און לעקאָוועד שאַבעס עסט מען ניט שלעכט („ריבי סענדאַקי, נאַילעפשע סמאַקי״) און צייטנווייס מאַכט מען אַ קויסע, דאַפּקע אַ גרויסע: דאָס אַלץ, אַזוי צו זאָגן, „אַף צופּוקעניש די סאָנים, אַף צולאָכעס גאָר דער וועלט״.

נאַציאָנאַלער קוראַזש, אָבער פון אַ העכערער מאַדרייגע, איז אויך דער מאָטיוו פון דעם זייער פּאָפּולערן ליד, וואָס האָט פאַרשיידענע וואַריאַנטן,

אמר ה' ליעקב..
— טאַק, טאַק, טאַק
אל תרא עבדי יעקב,
ניע פּוגאַיסאַ, באַרין יאַקאָוו,
— ניעט, ניעט ניצעוואָ
ניע באָיוסאַ ניקאַוואָ,
טאָלקאָ באָגאַ אַדנאַוואָ! (גינצ.-מאַר. נום. 19)

אויסטערליש און ניט-פאַרשטענדלעך איז דאָ די איבער-זעצונג פון העברעיש אַף גרויסרוסיש: פון „עבדי יעקב״ ווערט „באַרין יעקב״... אויב מע זאָל אָבער אָננעמען, אַז דאָס ליד איז געבוירן געוואָרן אַלס אַ ליד פון „נאַציאָנאַלן קוראַזש״ קעגן פרעמדע, — דעמאָלט איז די זאַך פאַרשטענדלעך: פאַר „זיי״,

פֿאַר די אומעס האָאוילעם ווילט זיך ניט אָנרופֿן דעם אורפֿאַטער „סלוגאַ", אָדער „ראַב", נאָר דאַפֿקע „באַרין".

אַלס אַ ניצאָכן און אַרויסרוף-ליד און אַן ענטפֿער אַף דעם שקאָציִשן „זשיד, זשיד, פּאַרכאַוויק" שטעלט אַרויס אונדזער ליד אויך שאָלעם-אַלייכעם אין זײַן דערציילונג „ליג בעומר".

און צײַטנווײַס פֿלעגט זיך ווען אַ ייִדן אָן קיינע שטעכ-ווערטער, נאָר אַזוי צו זאָגן, גוטמוטיק אַרויסווײַזן פֿאַר דער וועלט, וואָס פֿאַר אַ שיינע מאַיסעס און לערעס עס האָט דאָס פֿאָלק ייִסראָעל, און אַף אַזאַ אויפֿן זײַנען אויסגעוואַקסן די פֿרעמדשפּראַכיקע רעדאַקציעס פֿון דער פּרעכטיקער „אַלאַדע וועגן כאַנע און פֿנינע (נ. פּריל. נומ 65), פֿון דעם „אחד מי יודע" (נ. פּריל. נומ. 95—96) און אַנדערע. אין איינִיקע אַזעלכע לידער איז קימאַט אין גאַנצן נעלעם געוואָרן דער קאָמישער עפֿעקט פֿון מאַקאַראָניזם [3].

## III

## דאָס מאַקאַראָנישע טפֿילע און מוסער-ליד.

אין די לידער פֿון נאַציאָנאַלער אויספֿײַנעניש ווערט די פֿרעמדשפּראַכיקײַט דערקלערט דערמיט, וואָס זיי זײַנען פּסיכיש געווענדעט קלאַפּע-כויץ, צום דרויסן, צו דער אַרומיקער פֿרעמד-שפּראַכיקער וועלט. די טפֿילע און מוסער-לידער זײַנען דאָך אָבער געווענדעט קלאַפּע-פּנים, צום אינעווייניק... די מאָטיווירונג איז דאָ פֿאַרוויקלטער.

מ ו ל ט י פּ ל י ק אַ צ י ע. איינער פֿון די שאַפֿונג-מאָמענטן אין פֿאָלקליד (ווי אין אַנדערע צווײַגן פֿון פֿאָלקלאָר) איז דאָס, וואָס מע קען אָנרופֿן מולטיפּליקאַציע: עפּעס אַ טעמע, וואָס געפֿעלט דעם זינ-גער, ווערט איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל, אָפּט, אַזוי צו זאָגן, „דאַ אָטקאַזו" ביז נאָר מע קען ציִען די איבערכאַזערונג... ווען, לע-מאָשל, אין אַ ליד קלאָגט זיך דער אַרבעטער, אַז „זונטיק אין דער פֿרי, דער האָן גיט אַ קריי, מיר דאַנזשען ניט אויסטרינקען ס' גלעזעלע טיי" (לעמאַן, נ. 63), ציִען זיך דערנאָך אַזעלכע קלאָגן איבער אַלע טעג ביז פֿרײַטיק, און דאָס ליד האָט ניט מער ווי זעקס סטראָפֿעס נאָר דעריבער, ווײַל מער ווי זעקס אַרבעט-טעג אין וואָך איז דאָך ניטאָ. ווען אין אַן אַנדער ליד ווערט פֿאָרגעשטעלט, ווי אַ מיידל זעגנט זיך פֿאַרן טויט מיט די קרויווים, גייען איינע נאָך די אַנדערע סטראָפֿעס, געווידמעט דער מוטער, דעם פֿאָטער, דער באָבע, דעם זיידן א. א. וו. (נ. פּריל. נ. 106) אויב דער לעזער וועט אויפֿמערקזאַם איבער-לייענען די פֿריער געבראַכטע לאַנגע ציטאַטע פֿון נ. פּרילוצקיס פֿאָרעדע, וועט ער באַמערקן, אַז דער אַווטאָר דערקלערט די פֿרעמדשפּראַכיקײַט אויסשליסלעך מיט דער שטרעבונג צו מולטי-פּליקאַציע: עס ווילט זיך אין דעם צושטאַנד פֿון היסלאַוועס איבערכאַזערן נאָך אַ מאָל די געליבטע טעמע, און די פֿרעמדע שפּראַך גיט די מעגלעכקײַט דערצו. אַזוי, לעמאָשל, ווערט דאָס ציטירטע ליד וועגן די פֿויגל אין וואַלד מולטיפּליצירט אין פּויליש אַף אַזאַ אויפֿן:

Raz chodzialam
Dolasu,
Spewali wrubie
Oblasu,
Jeden spiewal,
Drugi czymbal,
Trzeci gra:
Si, si, si,

הן אתה תקותי. (נ. פּריל. נומ. 5).

פֿאַרשטייט זיך, אַז די שטרעבונג צו מולטיפּליקאַציע קען זײַן איינער פֿון די פֿאַקטאָרן פֿאַר דער פֿרעמדשפּראַכיקײַט, אָבער, ווי מע זעט, סטײַעט זי ניט אַליין. אַ ראַיע איז דאָס, וואָס די שטרעבונג איז דאָך פֿאַראַן אויך אין באַצוג צו אַנדערע מינים לידער, ניט בלויז נאַציאָנאַלע; היסלאַוועס קען דאָך זײַן ניט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אויך פֿון אַן אַנדער מין: פֿון ליבע, פֿון באַ-פֿרײַונג-קאַמף, און דאָך געפֿינען מיר פֿרעמדשפּראַכיקײַט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס בלויז אין די נאַצ.-רעליגיעזע לידער. הייסט דאָס, מע דאַרף זוכן ווײַטערדיקע מאָטיוון.

פֿ אַ ר אָ ד י ע א ו ן וו י ץ. (פֿאַראָדיע באַקומט זיך דעמאָלט, ווען פֿון אַ קינסטלערישן קאָמפּלעקס ווערט אַרויסגעריסן איין גליד אָדער עטלעכע און ווערט פֿאַרייניקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פֿרעמד אָדער קעגנזעצלעך די איבעריקע גלידער פֿון קאָמפּלעקס. אַזוי, לעמאָשל, האָבן מיר אַ פֿאַראָדיע, אויב די פֿײַערלעכע רעטאָריק און העלדישע שטימונג פֿון אַ ריטער-ראָמאַן ווערט אָנגעווענדעט אַף אַ קאַמף מיט אַ טשערעדע שאָף (דאָן קיכאָט). דאָסזעלביקע באַקומט זיך, ווען לעמאָשל דער ניגן פֿון „כל נדרי" ווערט צוגעגעבן צו אָט וואָס פֿאַר אַן אינהאַלט:

דאינדרנא,
אָטקראָי מניע דווערי,
איבאָ מניע האַרעלקי טרעבאַ,
אַ יאַ טעבע פּרינעסו נאַ פּראַזדניק
בעלאָהאָ פּעטוכאַ נאַ פּראַזדניק.
— כאַווע ליובענו,
הער נאָר אויס,
וואָס דער ערל דאַבערט אויס
ער זאָגט, ער וועט דיר ברענגען
אַ הון אַף קאַפּאָרעס.
— אַ קאַפּאָרע זאָלסטו ווערן
מיט טראַכימען צוזאַמען... (קיפּניס, II ב. ז. 156)

און אַזוי ווײַטער ווערט געזונגען וועגן די איבע-ריקע זאַכן, וואָס מע דאַרף צו יאָמקיפּער: וואַקס אַף ליכט, לײַוונט אַף אַ קיטל.

אַזאַ מין עפֿעקט, אַ גוטמוטיק-איראָנישער, באַקומט זיך אויך, אויב דעם בייס-האַמיקדעש רופֿט מען אָן „כאַטאַטשקאַ", אָדער „כאַטקאַ", מוישע ווערט ניט נאָר אינטים-גוטברודעריש „מוישע-ניו", נאָר אַפֿילע „פּאַסטושעק טי נאַש" א. ד. ג. (גינצ.-מאַר. נומ. 15) [4].

די לאָמדיש-קלויזניקשע סוויווע, ווו די לידער זײַנען אויס-געוואַקסן, (פּונקט ווי די אַנטשפּרעכנדיקע סטודענטיש-גאַלכישע סוויווע באַ די קריסטן), איז אַלעמאָל געניגט געווען צו כאַריפֿעס, צו איבערגעשפּיצטער איראָניע, צו פֿאַראָדיע. אין צענטר פֿון אינ-טערעסן, און גראָד זייער ערנסטע אינטערעסן, איז דאָ געשטאַנען די רעליגיע, און, ווי שאָפּענהויער זאָגט, „לאַכן לאַכט מען גראָד דערפֿון, וואָס איז ערנסט". די מיש-שפּראַכיקײַט האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו איראָניזירן אָן פֿאַרשוועכונג פֿון דער הייליקײַט, צונויפֿצומישן ערנסט מיט איראָניע.

[3] אַ פֿרעמדשפּראַכיק ליד (ד. ה. אַזאַ וואָס איז, בײַכשטעבלעך גענומען, ניט מאַקאַראָניש) קען פֿונדעסטוועגן האָבן אין זיך אַ טייל פֿון דער מאַקאַראָנישער קאָמיק דעריבער, ווײַל מע איז דאָך ניט געוואוינט דערצו, אַז „וועגן ייִדישע זאַכן זאָל מען ריידן אַף גויש".

[4] עס איז זייער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, וואָס פֿאַר אַ קענטעניש פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך עס ווײַזט זיך אַרויס אין די לידער. אַזוי, לעמאָשל, אין דעמדאָזיקן ליד, וואָס מוישע ווערט אין אים אָנגערופֿן „פּאַסטושאָק", איז אַרן „פּאַסטיר טי נאַש". דאַסראָוו אָבער איז אין די לידער די פֿרעמדע שפּראַך פֿאַר-קריפּלט. מיסטאָמע, ניט נאָר ווײַל מע האָט זי שוואַך געקענט, נאָר אויך בעקיוון, קעדיי עס זאָל זיך באַקומען אַמוזירנדיקער.

פונקט אַזוי זײַנען פול מיט איראָניע און מיט פּאַראָדיע די
ירים-שפּילן... לעמאָשל, עס ווערט פּאַראָדירט דאָס ייִדישע כו-
ע-און-קדושן אין „אַכאַשווײרעש-שפּיל". די פורים-שפּילן, ווי
ס באַווײַזט די שפּראַך פון זיי, קומען אויך אַרויס פון דעם לאָמ-
ים-שטאַנד, אָבער זיי זײַנען פיל עלטער פאַר אונדזערע לידער;
יער אָנפאַנג איז אין דער גערמאַנישער עפּאָכע פון אונדזער
וואַר, ניט דער סלאַווישער.

„בחינת עשו". דעם כאַסידיזם איז ביכלאַל אייגנטים-
נך אַ געוויסע גראָבלעכע גוטברידערקײַט און גוטברידערלעכע
אָבקײַט אין די באַציִונגען צווישן זײַנע אָנהענגער. מע זאָגט
ו", מע זשאַלעוועט ניט אַ וואָרט, וואָס איז גאָר ניט דרוקבאַר,
ן קען אַמאָל אַרופּציִען, פון שטיפעריי וועגן, אַ כאָסיד מיט
באָרד און כייעסן אַפן טיש און אַרײַנשיטן אַ פּאָרציע. עס איז
ס, וואָס עס שאָקירט אַזוי שטאַרק אין די כסידישע זיטן דעם
ר אײַנגעהאַלטענעם און אַפילע אָנגעצויגענעם מיסנאַגעד. אין
נסקער קאַנט קען מען אַמאָל הערן, ווי אָנשטאָט דעם טערמין
גראָב וואָרט" דריקט מען זיך אויס „אַ כסידישער וואָרט", „ער
ט געזאָגט אַ כסידישן וואָרט". עס איז באַקאַנט מיט וואָס פאַר
קימאַט קאָמישער שרעק עס רעדט וועגן דער דאָזיקער כסידי-
ר אופפירונג דער מאַסקיל פון 18-טן יאָרהונדערט, שלוימע
יימאָן.

ווען מע נעמט נאָך דערצו אַ ביסל בראַנפן סימכאַס-טוירע,
ים אָדער גלאַט צו אַ מעלאַווע-מאַלקע, דאַן ווערט די גוט-
ידערלעכע גראָבקײַט נאָך דרייסטער, די באַנדן פון ייִדישלע-
ר „סטאַטעטשנעקײַט" נאָך לייזער, מע גייט אַרײַן, לויט דעם
יגענעם כסידישן אויסדרוק אין דער „בחינת עשו", מע הייבט אָן
אָישלעך" אויפפירן זיך צווישן זיך און אַפילע ריידן צווישן זיך
יש. אָפט קען מען דידאָזיקע דערשײַנונג באַמערקן באַ די
טערנאָבילער כסידים. באַ זיי איז אַפילע פאַראַן אַזאַ מין ליד:

אָטצאַ ו דאָמו פּאַקינו,
טאַי דאָ טשערנאָביל פּאָיעדו, פּאָיעדו,
וואָט כאָראָשאָ, וואָט סלאַוונאַ,
עי, נאַשאַ יעווריסקאַיאַ סלוזבאַ טשערנאָבילסקאַיאַ,
או כאַ-כאַ! א. אַ. ו. (קיפּניס, II ט. ז. 151)

וועגן דעם סטאָלינער צאַדיק, רעב אַרן קאַרלינער (1-טע
לפט פון 19-טן י. ה.) דערציילט מען, אַז ער פלעגט אַפילע
מיטן דאַוונען שרײַען צו די כסידים, קעדיי אויפצוהייבן זייער
סלאַוועס: „זשאַרו פּאָדאַוואַי!"...

אָט פון אַזעלכע שטימונגען האָבן אויך געקענט אַרויסקומען
ומד-שפּראַכיקע און מיש-שפּראַכיקע לידער (זע נ. פּריל. נ. 67).

טיקן. איינער פון די פּראָטים פון כאַסידישער מיסטיק
ד: לערע וועגן תיקון (טיקן). עס באַשטייט אין דעם, וואָס
וואָכעדיקס, אַפילע טריוויאַלעס ווערט דערהויבן צו אַ הוי-
מאַדרייגע פון מוסער-האַסקל, פון טפילע, דווייקעס, היסלאַ-
ש. אַנ—סקי (געז. שריפטן, ב. 15, ז. 251) ברענגט אַזאַ מאַי-
וועגן רעב לייוויק-ייִצכאָק בערדיטשעווער:

„צו רעב לייוויק-ייִצכאָק בערדיטשעווער איז צוגעגאַנגען
פענסטער אַ גאָי אַ שוסטער און געפרעגט:

— מאַיעש שאָ פּאַטשיניט?

האָט זיך רעב לייוויק-ייִצכאָק אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט מיט
רעק: אינם גאָיס ווערטער האָט ער געזען אַ רעמז, אַז ער
עפּעס צו פאַרריכטן (מעסאַקן צו זײַן)".

די מאַיסע איז אַ כראַקטעריסטיש צו דעם איראָנישן, און עפּ-
אויך טיילווײַז ערנסטן ליד „צי טוט קראַוועץ מעטקאַ"
ס 2-טער ט., ז. 152).

ווײַטער דערציילט אַנ-סקי אַזאַ מאַיסע וועגן רעב זושע אַנאַפּאָלער:

„ער האָט זיך אַמאָל, גייענדיק אין וועג, אָנגעשטויסן אַף אַ גאָי, באַ וועמען עס האָט זיך איבערגעקערט אַ וואָגן מיט היי. דער גאָי האָט געבעטן ר' זושען, ער זאָל אים העלפן צוריק אופשטעלן דעם וואָגן:

— זשידקו פּאָמאָזשי!

— ניע מאָהו — האָט אים געענטפערט ר' זושע.

דער גאָי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און מיט אַ פאָרוואָרף געזאָגט:

— מאָזשעש, טאַי ניע כאָטשעש.

רעב זושע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— אַי, זושע, זושע! „מאָזשעש, טאַי ניע כאָטשעש! דו קאָנסט דינען דעם בוירע, נאָר דו ווילסט ניט".

פונקט דיזעלביקע געשיכטע, אַפילע אָן וואַריאַנטן, דערציילט נ. פּרילוצקי וועגן רעב בער ראַדאָשיצער (אָנמ. צום ליד 34). דאָס באַווײַזט, אַז וויפל אַלע אַזעלכע געשיכטעס האָבן קיין היסטאָרישע באַדײַטונג ניט אין זין פון כאַראַקטעריזירן די דער יענע פּערזאָן, אַז זיי זײַנען אויך אַ מין פאָלקלאָר. אָבער דאָס מאַכט זיי נאָך וויכטיקער פאַר אונדזער ציל, באַווײַזנדיק, אַף וויפל עס איז געווען פּאָפּולער אָט דידאָזיקע שיטע פון „טיקן" אין באַצוג צום „גאָישן" וואָרט.

אין זײַן אַרטיקל „О еврейской народной песне" אין „Евр. Стар. т. II" ברענגט ש. אַנ—סקי אַ ליד וועגן עפּעס אַ „דורען מארקא" אָדער „מאַלעץ מארקא", וואָס ווײַטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז גאָר דער יעיצער-האָרע, וועלכער פון איין זײַט, פאַרענטפערט ער זיך, אַז ער איז ניט שולדיק, וואָס די האַשגאָכע האָט אים געגעבן אַזאַ „מלאכה בזויה", און, פון דער אַנדער זײַט, דאַרף מען פאַר אים ניט מוירע האָבן, ווײַל ניט ער איז דאָך דער שרעקלעכער. אָט איז דאָס ליד (אין קוואַדראַט קלאַמערן ווערט געגעבן דער 2-טער וואַריאַנט):

אַך טי, דורען [מאַלעץ] מאַרקאַ
טשטאָ טי ראָביש סוואַרקו?
[כאָדיש נאַ יאַרמאַנקו?],
ני קופּיעש, ני טאָרגויעש
טאָלקאָ ראָביש סוואַרקו
[טילקי ליודעי פּסויעש]
ענטפערט ער, דער יעיצער-האָרע:
„פּאַסלאַנצאַ ניאַ ביוט אי ניאַ סיעקוט"...
[ניעט, ניעט, ניטשעוואָ,
ניע באַיוסיאַ ניקאָוואָ,
טאָלקאָ באָגאַ אַדנאָוואָ]

אַף אַזאַ אופן איז מעוּלגל געוואָרן אין אַ מוסער-האַסקל דאָס ליד פון אוקראַאינישן שיקער: „פּיוו יאַ או נידיליו אי פּראָ-פּיוו סוואָיו קאָבילו", אָבער דער רעפרען „נאַדאָ זנאַט יאַק הוליאַט, פּערעד זשינקאָי אָטוטשאַט" איז פאַרענדערט געוואָרן אין „נאַדאָ זנאַט יאַק הוליאַט, פּערעד באָגאָם אָטוועטשאַט".

אַן אוקראַאינישע דומע „פאָ טים באָצי דונאַיו" איז מעגולגל געוואָרן אין אַ טפילע א. ד. ג. און אינטערעסאַנט דערבײַ איז דאָס, וואָס דער „טיקן" שטערט ניט דעם קאָמישן עפעקט פון מיש-שפּראַכיקײַט.

וועגן דעם רומיניווער רעבע דערציילט מען, אַז איינמאָל פרײַטיק פאַר נאַכט האָט ער געהערט, ווי אַ פּאַסטעך זינגט „רוזשאַ, רוזשאַ, יאַק טי דאַלעקאַ". האָט ער געזאָגט, אַז מע קען ניט וויסן, וואָס פאַר אַ „ס.ד.ת התורה" עס שטעקן אין ליד,

און אַף מאָרגן צו שאַלעש-סודעס האָט ער געזונגען דעמזועלביקן ניגן מיט די ווערטער:

רויז, רויז, ווי וויַיט ביסטו,
וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
וואָלט די רויז נישט אַזוי וויַיט געווען,
וואָלט דער וואַלד נישט אַזוי גרויס געווען!
שכינע, שכינע, ווי וויַיט ביסטו!
גאָלעס, גאָלעס, ווי לאַנג ביסטו
וואָלט די שכינע נישט אַזוי וויַיט געווען,
וואָלט דער גאָלעס נישט אַזוי לאַנג געווען (קיפּניס, 2 ב. ז. 140).

דאָס איז אַ פּראָטאָטיפּ פון דער באַרימטער „קאַטאַרינאַ מאָלאָדיצאַ, פּאָדי סיודאַ!“, וואָס איז ניט ווי מע קען איבערפלעכלעך מיינען, אַ מיסנאַגדיש-מאַסקילישע אָפּלאַך-ליד, נאָר, ווי עס האַלט ריכטיק ש. אַן-סקי (געז. שריפטן, ב. 15 ז. 250) איז עס אַן עכט כסידיש ליד. עס הייבט זיך אָן טאַקע מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע איבער דעם נאַיוון מעקובל, אָבער עס פאַרענדיקט זיך מיט אַ מין מיסטיש-פּאַנטעיסטישן כאָראַל, וויַיל דעם מעקובל שטעלט זיך דאָך פאָר, אַז די גאַנצע וועלט מיט איר שירע-זאָגן דאָס איז די „כת רינה, מיא דיצה“, וואָס „פדית שדי“.

די פינף אָנגעוויזענע פּסיכישע מאָמענטן: 1) די פּראָטעסטירנדיקע אויספּיַינעניש פון אַ געדריקטער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער מינדערהייט; 2) דאָס שטרעבן צו וויַיטערן שאַפן און צו האַנאָע האָבן פון דעם, וואָס געפעלט, מיט דער הילף פון מולטיפּליקאַציע; 3) פּאַראָדיע און וויץ; 4) גראָבלעכע גוטברידערשאַפט, „אַמיקאָשאָנעריי“ „בבחינת עש“; 5) טיקן,—דידאָזיקע אַלע עלעמענטן האַלטן זיך ניט אין אונדזערע לידער באַזונדער, נאָר זיי גיסן זיך צונויף, שפּילן, פלעכטן זיך צונויף און פלעכטן זיך פאַנאַנדער; יעדער זינגער קען מיט זיַין טנוע אָדער טאָן אונטערשטריַיכן דעם אָדער יענעם מאָמענט. דאָס אַלץ מאַכט דידאָזיקע לידער פאַר איינער פון די ריַיכסטע און שענסטע פּראָדוקציעס פון אונדזער פאָלקלאָר, און דערמיט ווערט דערקלערט זייער אומגעהייערע פּאָפּוליאַריטעט. אַפילע וועגן אונדזער דאָר „אַפּיקאָרסים“ קען געזאָגט ווערן, אַז אָט דידאָזיקע לאָמדיש-כסידישע לידער זינגען מיר אָפּטער, איידער וועלכע עס איז אַנדערע פון דעם אויצער פון יידישן פאָלקליד, וואָס האָט דאָך אויך אַנדערע ריַיכע צוויַיגן.

## .IV

## איי‌ניקע באַמערקונגען וועגן די וועלטלעכע מאַקאַראָנישע לידער.

וועלטלעכע וועלן מיר אָנרופן יענע לידער, וואָס זייער אינהאַלט איז ניט קיין רעליגיעז-נאַציאָנאַלער, ווי מיר האָבן דעם דאָזיקן טערמין אויסגעטיַיטש פריער צווישן די 9 וועלטלעכע אָפּלאַך-לידער, וואָס זיַינען פאַראַן אין די אין 1-טן קאַפּיטל געבראַכטע זאַמלונגען, האָב איך אַריַינגערעכנט 4 וואַריאַנטן פון דיים זייער פאַרשפּרייטן ליד וועגן דעם פּאַסטעך, וואָס זוכט אַ שעפעלע („ביעדאַ, ביעדוי קאַק דאַמאָי פּאַידו בעז אַווצאַ?“). דער פּאַראָדישער עפעקט באַשטייט דאָ דאַרין, וואָס דער פּאַטעטישער טפילע-ניגן געפינט זיך אין אַ סטירע מיט דער נישטיקייט פון דער אַווידע. וויַיטער, אַז דאָ ווערט פּאַראָדירט עפּעס ערנסטטפילעדיקעס, דאָס פילט זיך טיילוויַיז אויך אין טעקסט, לעמאָשל די ווענדונג פון פּאַסטעך צו די, וועלכע ער באַגעגנט אַפן וועג: „אדוני, אדוני, אדוני“ (וואר. בא קיפּניסן, ט. I), אויך דער. אַזוי צו זאָגן, „מאָראַלישער“ אַריַינפיר אין ליד:

אַז גאָט וויל אָנשיקן אַף אַ פּאַסטעך אַ צאָרע
פאַרבלאָנדזעט ער אים דאָס איינציקע שעפעלע
(וואַר. באַ קיפּניסן ט. II)

הייסט דאָס, אויך דידאָזיקע 4 וואַריאַנטן קענען אַריַינגערעכנט ווערן (מיט אַ קלענערן גרונט איידער די פריער אַריַינגערעכנטע), אין דער גרופּע פון רעליגיעז-פּאַראָדישע לידער.

ערגעץ אין קלויז אָדער גאָר ניט וויַיט פון דער קלויזסוויווע איז באַשאַפן געוואָרן דאָס פינף-שפּראַכיקע ליד וועגן דעם מיידל, וואָס איז אַ באַלנטע צו טאַנצן מיטן ראָוו:

קראַסנאַ דיעוואָטשקאַ,
אַ כטאָ טי?
טשי פּאַידיאָש ס' ראַבינעם
טאַנצאָוואַט?
— טשטאָ ווי מניע ספּראַשיוואַיעטע,
אַ כטאָ יאַ?
פּאַידיאָט ראַבין, פּאַידו יאַ! (גינצ.-מאַר. נ. 353)

דאָס ליבע-ליד באַ י. ל. קאַהאַנען, ט. I ז. 16 נ. 9 שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּויליש פאָלקליד מיט אַ יידישער מולטיפּליקאַציע:

גדזע טען כלאָפּעץ, צאָ מניע כצאַל,
צאָ מניע כוסטקו אַביעצאַל א. א. וו.

פון די 5 פריער אָנגעוויזענע קינדערשע לידער זיַינען 3 אין גרונט מוטערשע לידער. (די וואַריאַנטן פון „סאָראָקאַ-וואָראָנאַ קאַשקו וואַרילאַ“ באַ באַסטאָמסקין ז. 30 נ. 19—20), ה מע זעט איבערגענומענע פון דער אַדרומיקער באַפעלקערונג. אין ליד (באַסטאָמסקי, ז. 104, נ. 4) איז אַ פאַרטיַיטש-ליד (העברעיש-יידיש-ליטוויש), אַזאַ מין זשאַנר איז באַליבט באַ כיידער-יינגלעך ביכלאַל האָבן קינדער ליב ווערטערמישונג, ווערטער-וויץ, די באַשאַפן אָפּטמאָל מיט דעם ציל אַ מין אייגענע שפּראַך (זע מענדעלעס „ווינשפינגערל“ ט. I ק. 4). ניט קענענדיק די פרעמדע שפּראַך, כאַפּן זיי קלאַנגען פון איר, און אַף אַזאַ אויפן באַקוקט זיך לידער, וואָס ריין-לאָגיש באַדיַיטן זיי גאָרנישט, אָבער גיבן איבער דעם טעמפּ און טעמבר פון דער פרעמדער שפּראַך. אין מין לאָשן, וואָס באַשטייט פון ניט פאַרשטענדלעכע ווערטער, אָבער האָט אַ באַרעכטיקונג און קען אַפילע אַרויסרופן אַ געוויסע שטימונג, אַלס אַ קלאַנגען-אימיטאַציע, הייסט אין דער נײַער רוסישער ליטעראַטור-וויסנשאַפט „הינטערסייכלדיקער לאָשן“, Заумный язык. אָט איז אַ בײַשפּיל פון אַזאַ מין ליד:

יעכאַל פּאַני
איז מאַלאווע,
דאיע צאפקע
פּיווא לאווע א. א. (גינצ.-מאַר. נום 93.)

אַפן גרעניץ צווישן דער דײַטלעכער שפּראַך און „הינטערסייכלדיקער“ שטייט באַ גינצ.-מאַר. נומ. 89, זע נאָך באַ באַסטאָמסקי ז. 116 נ. 16; ז. 124 נ. 1; באַ קאַהאַנען: 2 ב. ז. 123 נ. 32.

עס לוינט אָנווענדן די אויפמערקזאַמקייט אַף אַ ליד, וואָס זינגט זיך פּאַראַלעל אין גרויסרוסיש אָדער אוקראַיִניש און אין יידיש, און וואָס ש. אַן—סקי ברענגט עם אין זיַין פריער ציטירטן אַרטיקל אין נ. 2 פון Евр. Стар.:

זאַפּריאַגאַיטע, כלאָפּצי, קאָני,
קאָני וואָראָניע, —
טאַי דאָגאָנים ליטא נאַשע
ליטא מאָלאָדאָיע

מי דאָגנאַלי ליטא נאַשע
או סטאראווא פאגאסטא,
אָך, ווערניטעס ליטאַ נאַשי
כאָט דאָ נאַס או גאָסטי.

אַף ייִדיש:

לאָמיר שפּאַנען די גראָע פּערד,
לאָמער גיכער פאָרן,
טאָמער וועלן מיר דעריאָגן
אונדזערע יונגע יאָרן.

באַ י. קאַהאַנען געפינט זיך אַ ריין-ייִדישער וואַריאַנט פון ליד (ב. II ז. 274). איך האָב אין שטעטל סמאָלעוויטש, לעבן מינסק, געהערט דאָס ליד געזונגען אַף ייִדיש און גרויסרוסיש. ליידער, איז מיר געלונגען צו פאַרשרייבן בלויז דעם ייִדישן טייל פון טעקסט, אָט איז ער:

לאמיר שפּאַנען, ברידער, פערד,
לאָמיר לויפן פאָרן,
טאָמער וועלן מיר דעריאָגן
אונדזערע יונגע יאָרן!
מיר זיינען געקומען צו פאָרן
אַפן ברייטן בריק...



קומט אַהער זשע, יונגע יאָרן,
כאָטש צו גאַסט צוריק!
זיצט דער כאָסידל ביים טיש
און טוט בראַנפען שוועכן (5
שטייט די ווייבעלע אונטערן פענסטער,
טוט די הענט ברעכן.

איך האַלט דעם לעצטן וואַריאַנט פאַר דעם בעסטן. ווי טיף איז דער סימבאָל פון ברייטן בריק אלס דער מעכיצע צווישן יוגנט און עלטקייט! ווי שטאַרק איז דאָס ליד געפאַסט, אַ גאַנצע דראַמע אין 12 שורעס! אַגעוו גיט אונדז עפשער דער וואַריאַנט אַ שליסל צום אַרויסקום פון ליד. ווי מע זעט, האָט דאָס אַ פאָלקדיכטעו געדיכטעט גלייכצייטיק אַף רוסיש און אַף ייִדיש. די טעמאַטיק איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, אַ לאַ ריסס (דאָס בילד פון פאַרבענקטן שיקערן מאַן, וואָס האָט דאָס ווייב אַרויסגעטריבן פון שטוב), אָבער די קאָמפּאָזיציע פון ליד מיט די דרייסטע עליפּסן, מיט די איבערשפּרונגען פון מאָנאָלאָג צו דערציילערישקייט, דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַלאַדישער קאָמפּאָזיציע פון אונדזער ייִדישן ליד (זע מיין אַרטיקל אין „צייטשריפט" ב. I). דער לעצטער פראַט האָט געקענט מאַכן דאָס האַלבפרעמדע ליד אַזוי אינטים דעם ייִדישן זינגער.

5) „שוועכן" באַטייט „זויפן" און ראָט, ווי מע זעט, אַ שאַיכעס צו דעם גוינערישן „זוואָכן", וואָ באַטייט איבגעפער דאָזועלביקע און קימט אַרוס, לויט אוועלאלעמאַנס מיינונג, פון דעם העברעאישן „זבח": באַ אַ „זבח להי" פלעגט מען ראָך גט אָפעסן און אויסטרינקען (ווערט רביך באם „דאָס דייטשע גוינערטום").